# מיט א טיפערן בליק
# פרשת תצוה – שבת פורים תשפ"א
# פורים 'פירורים' קליינע ברעקלעד!

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

ס'גלייבט זיך טאקע נישט, אבער יא די הייליגע יום טוב פורים איז שוין ב"ה ביים שוועל! ישראל קדושים הם, ווי שיין איז עס זעהנדיג די פיבערהאפטיגע הכנות וואס גייען אָן מיטן פולסטן ברען, די מצוה פון מתנות לאביונים טוט מען גרייטן, איינער מיטן טיילן און דער צווייטער מיטן נעמען, די אינגערע חברה'ס זענען שוין פולקאם גרייט, איעדע מאביל באס וואס נאר פארהאן ווייסט אז אין עטליכע טעג ארום שטעלט זיך אלעס אפ און ס'איז פורים אויף די וועלט, ווער רעדט נאך פון די גלאנציגע אויג פארכאפענדע משלוח מנות 'טורעמעס' און 'ביימער' וואס ווערן פאבריצירט נאך שווערע וואכן פון הארעוואניע, זריזין מקדימין מ'לויפט פון איין ווין קעלער צום צווייטן זיכען די גוטע סחורה, א קעסטעלע ווין פון די בעסטע שב'בעסטע, מקיים זיין די מצוה פון עד דלא ידע מיט אלע הידורים, פארן טאטע, שווער, חתן, אדער איידים, א נייע מהודר'דיגע מגילה איז א געוואלדיגע זאך, עפעס א פארשטעלאכץ, א היטל אנצוטוהן איז גארנישט קיין קלייניגקייט, ס'איז א זמן פון מרבים בשמחה דארף מען דאך מהדר זיין, לפנים משורת הדין!

ברידער טייערע אויב בגשמיות ווערט אריין געלייגט אזוי פיל קאפ און מח, כוחות און געלט אין דעם הייליגן יו"ט, איז דאך אוודאי כדי מיר זאלן זיך ריכטיג גרייטן צום עיקר, וואס דאס איז דער חלק הרוחני, דעם פנימיות פונעם יום הגדול והקדוש יום הפורים הבעל"ט, ווי חז"ל זאגן אונז (תיקוני זוהר) אז פורים איז גרעסער ווי יום כיפורים, וואס דאס פארלאנגט אז מיר זאלן זיך אליין פרעגן וואס איז פורים? וואס איז דער עבודת היום? וואס מיינט מרבים בשמחה, ווי אזוי טוט מען דאס? לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר, פאר די אידישע קינדער איז געווען לעבטיג, די טעג זענען ימי שמחה וששון, מיינט עס אמת'ע שמחה וואס דארף בלייבן מיטן אידעלע אויף א גאנץ יאר און א גאנץ לעבן, לאמיר זיך צוזאמען אויסשמועסן און בסייעתא דשמיא זוכה זיין צו פארשטיין און זיך ריכטיג קענען פארבינדן מיט די פנימיות פונעם יו"ט און בעזהשי"ת קענען ארויסנעמען פון פורים תשפ"א שמחה און חיזוק וואס וועט מיט אונז פארבלייבן אויף אייביג! [**תִּ**ישָׁאֵר **ש**מחת **פ**ורים **א**צלנו!!!]

איידער מיר טרעטן צו צום וואכעדיגע פרשה איז כדאי צוריק צו קוקן צו פרשת תרומה וואו דער ענין פון דעם הייליגן משכן האט זיך אנגעפאנגן, **דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי וכו' וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** - רעד צו די אידישע קינדער, אז זיי זאלן נעמען פאר מיר א אָפשיידונג, פון איעדע מענטש וואס זיין הארץ באגערט אים צו געבן, זאלסטו נעמען וכו', און זיי זאלן מאכן פאר מיר א הייליג ארט אז איך זאל וואוינען צווישן ענק, די תוה"ק איז ממשיך און רעכנט אונז אויס פונקטליך וואס און ווי אזוי דער משכן זאל געבויעט ווערן, אבער מיר דארפן לכאורה פארשטיין עטליכע נקודות דא:

א. "לי הכסף ולי הזהב" זאגט די פסוק - הקב"ה האט און פארמאגט אלעס, נו פרעגט זיך, פארוואס האט בכלל אויסגעפעלט אז די אידישע קינדער זאלן זיך משתתף זיין אין די הוצאת הבנין? ב. אויך דארף מען פארשטיין פארוואס דארף מען געלט פון 'איעדע' מענטש, בפשטות וואלט געווען גרינגער און געשמאקער אויב מען זאל גיין נאר צו די גרויסע תומכים און נגידים? ג. די פסוק פאנגט אָן אויסרעכענען די אלע זאכן וואס מען דארף פארן משכן, פאנגט זיך עס אָן מיט די טייערע זאכן, גאלד זילבער און קופער, און דערנאך גייט מען אריבער צו די מער פשוטע זאכן ווי וואָל, אויל און קטרת וכדומה, און ערשט דערנאך קומט מען צוריק צו די גאר טייערע דימאנט שטיינער, בפשטות וואלטן די טייערע זאכן געדארפט ווערן אויסגערעכנט צוזאמען און דערנאך די ביליגערע? ד. די פסוק זאגט **כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנִי מַרְאֶה אוֹתְךָ אֵת תַּבְנִית הַמִּשְׁכָּן וְאֵת תַּבְנִית כָּל כֵּלָיו וְכֵן תַּעֲשׂוּ** – אלעס וואס איך וועל דיר ווייזן דער משכן מיט אירע כלים אזוי זאלסטו זיי מאכן, און די תוה"ק רעכענט אויס אלע פרטים, לכאורה פארוואס פעלט אויס איבער צו חזר'ן די באפעל מיט אלע פונקטליכע דיטאלן? און אזוי פרעגט זיך פיל נאך.

דערמיט קומען מיר אריבער צו די וואכעדיגע פרשה די תורה הקדושה איז ממשיך און זאגט אונז **וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד** – ווען מען גייט צינדן די הייליגע מנורה זאלן זיי נעמען און ברענגען צו דיר (משה) לויטערע איילבירט אויל, וואס איז געמאכט געווארן 'כתית' - צושטויסן דורך א שטעסל וכו'.

לאמיר זיך פארטיפן און געדענקן דעם יסוד ווי ס'ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים אז דער משכן איז נישט בלויז אַן איינמאליגע געשעעניש, נאר דערין ליגט גאָר גרויסע סודות. די גאנצע בריאה, דער גוף פונעם מענטש, ווי אויך אונזער עבודה אויף דער וועלט איז געווען קאנצענטרירט מיט טיפע סודות אין דעם הייליגן משכן. זעלבסטפארשטענדליך אז מיר קענען נישט פארשטיין אפילו אפס קצהו, לאמיר אבער זיך פארטיפן אויף אונזער מדריגה און ארויסנעמען בעזר ה' די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פאר אונזער טעגליכן לעבן.

מיר וועלן אנפאנגן אונזער שמועס מיט א מעשה וואס דער הייליגער צמח צדק פון ליובאוויטש זי"ע האט דערציילט: אין א קליין שטעטל נעבן ירושלים האט געוואוינט א תמימות'דיגע איד (מיר וועלן אים רופן ר' ראובן) וואס איז געווען א ירא שמים און א עובד ה', אבער צו דער זעלבע צייט איז ער נעבעך געווען א גרויסע עם הארץ, ער האט ממש גארנישט געוואוסט, אפילו אזא קלייניקייט ווי דאווענען פלעגט ער כסדר קומען און פרעגן וואס מען דארף זאגן און וואו מען דארף אויפמישן דעם סידור'ל זיינע, אבער דאך האט ער מיט פשטות כסדר געטוען דאס בעסטע וואס ער האט געקענט.

וועכנטליך ווען ער פלעגט קומען אין שטאט אריין קיין ירושלים איינצוקויפן אויף שבת אינעם דארטיגן מאַרק, פלעגט ער באזוכן ביים רב, און דער רב פלעגט אים ווייזן און ערקלערן וואס מ'דארף אלס דאווענען און טוען במשך דעם קומענדיגן וואָך, און דער איד פלעגט צוריק אהיים פארן מלא שמחה.

ויהי היום ס'האט זיך געמאכט א שרעקליכע עצירות גשמים אין ארץ ישראל, ס'איז נישט געווען קיים רעגן, און ווי באקאנט דארף מען אין אזא צייט גוֹזֵר זיין א תענית ציבור, און אזוי האט מען טאקע געטון, מ'האט קובע געווען א טאג, און דאס גאנצע שטאט האט זיך ווי אפגעשטעלט, די געשעפטן פארמאכט, מען ארבעט נישט, נאר אלע נעמען א חלק אין דעם גרויסן פאסט טאג און מ'נעמט זיך צוזאם מתפלל זיין צום בורא עולם פאר גשמי ברכה.

ס'האט זיך געמאכט אז אונזער ר' ראובן האט פונקט געדארפט זיין אין ירושלים יענעם טאג, דער טאג פונעם תענית ציבור, און אזוי קומט ער צו-פארן מיט זיין אייזל, און פלוצלינג באמערקט ער אז אלע געשעפן זענען פארמאכט, "אוי ווי

איז מיר, אפשר האב איך געמאכט א טעות און היינט איז גאר שבת?" שפרינגט גלייך אראפ פון זיין אייזל, אבער דערנאך זעהט ער א איד מיט זיינע תפילין אין די הענט, "שוין, אזוי פיל ווייס איך אז שבת איז נישט – אבער וואס יא? וואו איז דער עולם? פארוואס איז אלעס פארשפארט?"

"אנטשולדיגט כבוד הרב", גייט ער צו צו יענעם, אפשר קענט איר מיר זאגן וואס ס'גייט פאָר? וואו איז דער גאנצע ציבור?, "אין בית המדרש, ווייסט איר דען נישט אז היינט איז דער תענית ציבור", נאכן זיך אביסל אויסשמועסן איז ער געוואָר געווארן אז מען פאַסט היינט, ר' ראובן ווערט שרעקליך צובראכן, ווי קען זיין אז דער רבי זיינע האט אים נישט געזאגט אז די וואך דארף מען פאסטן, ער נעמט דעם אייזל און פאנגט אָן לויפן צום רב'ס שטוב.

אנקומענדיג אהין, לויפט ער אריין מיט א צובראכן הארץ און פארוויינטע אויגן און זאגט: "רבי! וואס האט דא פאסירט, איך בין אזוי פארזינדיגט", מיט ליבשאפט פרעגט איהם דער רב, וואס איז געשעהן מיין קינד פארוואס וויינסטו אזוי? "וואס הייסט פארוואס, ווייל איך האב געגעסן אין א פאסט טאג"?, "ניין מיין קינד, זארג נישט ס'איז נישט א תענית אויף גאנץ ארץ ישראל, מיר האבן קובע געווען א פאסט טאג אויף די תושבי ירושלים און וויבאלד די וואוינסט נישט דא האב איך דיר אפילו נישט געזאגט דערוועגן, זארג נישט ס'איז אלעס גוט".

ר' ראובן לאזט נישט נאך, און נעמט זיך פרעגן פילע שווערע פראגעס פונעם רב, און דער רב געבט אים מיט די גרעסטע סבלנות און געשמאק צו פארשטיין אז ס'איז פארהאן א מסכת אין ש"ס וואס רופט זיך מסכת תענית און דארט איז פארהאן דער ענין אז ווען ס'רעגנט נישט פאר א שטיק צייט דעמאלטס דארף מען פאַסטן, און אזוי ווייטער און ווייטער, פלוצלינג שרייט ר' ראובן אויס, איך פארשטיי נישט אז ס'רעגנט נישט דארף מען מאכן א פאסט טאג און אפשטעלן גאנץ ירושלים?!... "נאר וואס דען?" פרעגט דער רב מיט וואונדער!

ר' ראובן לאזט זיך נישט ווארטן און זאגט: ביי אונז אין דאָרף האבן מיר דאך פילע פעלדער און כדי ס'זאל שיין גוט וואקסן דארף מען כסדר רעגן, און ווען ס'גייט אדורך עטליכע טעג און ס'רעגנט נישט מאכן מיר נישט קיין תעניתים, אויך שפאַרן מיר נישט צו די געשעפטן, מיר געבן זיך אַן עצה אויף זייער א פשוטע אופן, איך גיי ארויס אין פעלד און פאנג אן שרייען **"טאטע זיסע איך דארף רעגן, דיינע פירות דארפן וואסער, און גלייך נעמט זיך רעגענען"**.

דער רב הערנדיג די הייליגע ווערטער מיט א תמימות און פשטות, האט גלייך געזאגט, נו, אויב אזוי אפשר גייען מיר ארויס אינדרויסן שרייען, און ר' ראובן האט אנגענומען די פארשלאג, ער איז ארויס מיט זיי, ווי נאר ער האט געשריגן "טאטע שיק אונז רעגן" האט אנגעפאנגן פאלן א געשמאקע רעגן אין ירושלים.

דער הייליגע צמח צדק האט אויסגעפירט, אז דאס איז דער כוח פון א 'פשוטע' דאָרפ'ס איד, ווען א איד מיינט עס אמת'דיג, ווען א איד געבט זיין גאנצע הארץ קען ער ממש אראפ ברענגען די גרעסטע השפעות און סגולות אויף די וועלט.

טייערע ברידער און שוועסטער, צומאל טראכטן מיר אז כדי צו קענען אויפטוען, כדי צו קענען האבן אַן השפעה דארף מען טוען 'גרויסע' זאכן, צו טוישן עפעס דארף מען אויפשאָקלען די וועלט מיט 'ריזיגע' פעולות און 'מעכטיגע' פראיעקטן, און צומאל -און אפשר צופיל מאל- טוט דאס גורם זיין אז דער איד טוט גארנישט, ווייל ער טראכט אז איך בין נישט ביכולת צו טוען גרויסע זאכן, איך האב נישט די מעגליכקייט אנצופירן אדער אויפצוטוען אויסערלישע פעולות, איך בין א פשוטע איד'ל, איך לעב אין מיין קליינע דירה'לע און וואס קען איך שוין אויפטוען, און אזוי ארום קוקט זיך דער איד אָן מיט קליינע אויגן און איין זאך פירט צום צווייטן, דער איד זעט זיך אלץ עפעס א קליינע זאך וואס דרייט זיך דא ארום אויף דער ריזיגע וועלט אָן קיין גרויסע שליחות אדער תפקיד, און פלוצלינג ווערט מען איבערגענומען מיט א געפיל פון פארלוירנקייט און צובראכנקייט, וואס ווערט דערנאך באגלייט מיט א געפיל פון ייאוש, "דאס איז די מצב איך קען עס נישט טוישן", וואס קען איך שוין טוען? ווען איך וואלט געווען איינער מיט געלונגענע כוחות, מיט אייזערנע נערוון, מיט אפאר הונדערט טויזענט דעמאלטס וואלט געווען... אבער איך? אין די מצב וואס איך בין? איך? איך לעב מיר אין מיין ווינקל און טו גארנישט אויף...

לאמיר באטראכטן דעם פריעדיגע מעשה און זיך פרעגן מיט אַן אמת, ווען מיר זאלן דארט זיין און זעהן דעם תמימות'דיגע אידל אריינשפאצירן צום רב מיט טענות פארוואס מען האט אים נישט מודיע געווען אז היינט איז א פאַסט טאג, צו וואלטן מיר געהאלטן אדער געגלייבט אז דעם איד'ס געשריי קען ברענגען די ישועה וואס אלע ווארטן אויף? אדער וואלטן מיר געזאגט **"גאנץ ירושלים פאַסט און דער איד גייט ארויסגיין שרייען טאטע?? טו מיר א טובה, זאג פאר דעם איד אז ער זאל נעמען זיין אייזל און שנעל צוריק פאָרן צו זיין דערפל און ווייטער פלאנצן באָרן"** ווייל צו ברענגען רעגן דארף מען עפעס א גרויסע, ריזיגע, מעכטיגע, שטארקע, געלונגענע, סוקסעספול פלאן וואס יענץ וועט מאכן א רעש אין הימל און דערפון וועלן מיר זוכה זיין, מען דארף גרויסע צעטלעך און לאנג פארצוויגטע קאמפיין'ס וואס וועט אונז ברענגען די ישועה.

אבער דער צמח צדק דערציילט אונז די מעשה און לערנט אונז אז 'ניין' טייערע איד'עלע ס'ארבעט נישט אזוי, יא אמת אז אין די וועלט פון גשמיות איז פארהאן די מציאות פון שטארק, מעכטיג און אויפגעבלאזן, אבער ווען ס'קומט צו די וועלט פון רוחניות איז נישט פארהאן אזא סארט מציאות פון עפעס וואס איז קליין, גרויס, שטארק אדער שוואך, אין די וועלט פון רוחניות איז דער מעסטער גאנץ עפעס אנדערש, דארט זוכט מען דאס אידיש הארץ, דארט זוכט מען דאס געפיל און מסירת נפש פון א איד, און צומאל זוכט מען דארט דעם אמת'ע לב נשבר טאקע ווען דער אידעלע שפירט אז ער קען נישט און האט נישט די מעגליכקייט, טאקע ווען מיר שרייען פון טיפעניש פון הארץ מיט תמימות, טאקע ווען מיר טוען עפעס א מצוה'לע, עפעס א קליינע התגברות, א טובה'לע, א שמירת עינים, א שמירת המחשבה, בלויז 'עפעס' – אט אויף דעם עפעס שטייט די גאנצע וועלט און ווארט!. אמת אז אט די קליינע הארציגע תפילה, דאס אומבאקאנטע מצוה'לע, דעם גוטן פעולה איז נישט גרויס, ריזיג, מעכטיג, שטארק, געלונגען אדער באקאנט, אויך מאכט עס נישט קיין רעש אין די גאַסן פון שטאט, אבער אונזער באליבטע טאטע ווייסט, הערט, שפירט און האלט עס מיט, און אט פון דעם וואַקסט ארויס גרויסע ישועות, מעכטיגע תוצאות, געלונגענע פירות, און אזוי ווייטער...

לאמיר זיך ערוועקן פון דאס ארומיגע וואס טוט אונז כסדר געבן אזעלכע סארט מעסעדזשעס אז גרויס איז געלונגען, מעכטיג איז שטארק און אזוי ווייטער, ניין ברידער ס'איז נישט דאס אמת, אין די וועלט פון רוחניות איז באשיידן-גרויס, שוואך-שטארק, צובראכן-גאנץ. לאמיר נאר געבן א בליק אויף דער מחצית השקל (ווי באקאנט איז פורים און חודש אדר גאר שטארק פארבינדן דערמיט) דאס וואס בורא עולם האט געבעטן מיר זאלן נעמען ביים הייליגן משכן ווי די פסוק זאגט אונז קלאר געב נישט קיין גאנצע נאר א האלבע, אט דאס בעט אונזער טאטע, ווייל דער וועג פון רעכענען אין שמים איז בכלל נישט דאס זעלבע ווי דא ביי אונז אין די וועלט פון גשמיות, און פונקט פארקערט, די אמתע הארציגע תפילה פון א איד, דאס אמתע מסירת נפש'ל דארט ווען קיינער זעט

נישט, טוט שפאלטן הימלן און איבערדרייען וועלטן. און דאס זעלבע איז צו יעדע מצוה'לע, איעדע קלענסטע פעולה וואס כאטש צו אונז זעט עס עפעס אויס קליין פארמאגט עס א אומגעהויערע גרויסקייט צו זיך, ביי אונז קען עס אויסזעהן ווי עפעס א גרינגע זאך, אבער אין שמים ביי אונזער הייליגע טאטע פארנעמט עס א ריזיגע מעכטיגע פלאץ, ווען דער אידעלע פאנגט אן אריינטראכטן דעריין, ווען מיר פאנגן אן לערנען די הייליגע ספרים און זעהן די גרויסקייט פון איעדע קלענסטע פעולה, איעדע קרעכטץ פון א איד, ווי איעדע מצוה'לע דרייט וועלטן, איז נישט מעגליך נישט צו-ווערן פיל מיט שמחה און פריילבקייט, ווייל פלוצלינג ווערן די גאנצע מוח איבערגענומען מיט איין איינציג מחשבה **'נייך' איך מאך נישט קיין גרויסע טומל אין די גאס, 'נייך' מיין נאמען איז נישט זייער באקאנט, און 'נייך' מען הערט נישט פון מיר קיין סאך, אבער צו די זעלבע צייט, 'יא' איך דריי איבער וועלטן, 'יא' איך האב אַן השפעה אויף די גאנצע וועלט, 'יא' איך קען ברענגן ישועות און רפואות פאר אידן בכל מקום שהם, און טאקע מיט די טעגליכע קליינינקייטן מיינע, מיט די פילע מצוות און מעשים טובים וואס איך טו קום איך אָן גאר הויעך און ווייט.**

ווי באקאנט האט עמלק 'אפגעקילט' דעם כלל ישראל, אז מען זאל זיך אביסל מתבונן זיין און אריינטראכטן וואס מיינט אפגעקילט, וועט גאנץ שנעל קלאר ווערן אז עמלק האט נישט אלעס געלייקנט, 'אפגעקילט' באדייט אז מען לאזט דעם מציאות אז עפעס עקזעסטירט, אבער מען מאכט עס פשוט קאלט, דער עמלק זאגט נישט אז דער אידעלע טוט נישט קיין מצוות וכדומה, ער איז מסכים מיט'ן מציאות אבער צו די זעלבע צייט קומט ער צום איד און זאגט: אמת אז די טוסט טאקע, אבער ווי גרויס איז שוין דיין פעולה, איז עס דען אזוי געוואלדיג, יענער האט געטוען עפעס אסאך מער און הייליגער. אדער אפילו ווען א מענטש האט שוין יא א שטיקל מסירות נפש, קומט עמלק זאגן אז ס'איז נישט געטוען געווארן בשלימות, וואלסט עס געדארפט טוען מיט מער און בעסערע כוונות וכדומה. און דערמיט צוברעכט ער דעם מענטש, דער מענטש זעט זיך אלץ עפעס א קליינע גארנישט'ל דא אויף די וועלט, און וויפיל מען טוט איז מען נאך אלץ א גארנישט, און דערמיט איז דער עמלק מצליח אפצושוואכן און קאלט מאכן די התלהבות פונעם איד, און דערמיט ברענגט ער אריין אינעם איד ספיקות וואס פירט צו צובראכנקייט און ייאוש.

קומט אבער דעם הייליגן טאג פון פורים, ווען ס'איז דער צייט צו באקעמפן דעם עמלק (עמלק איז גימטריא ספק) מיר דארפן אויפהערן און אפשטעלן די אלע ספיקות אין זיך, די אלע ספקות איבער וואס מיר טוען, כ'האב נישט גענוג געטוען, ס'איז גארנישט, דער צווייטער טוט אסאך מער און גרעסער, וכדומה, לאמיר זיין קלאר אין ווער מיר זענען, וואס אונזער ציל איז, און גדענקן אז איעדע קלענסטע פעולה איז ביי אבינו שבשמים גרויס אָן א שיעור, וואס מיר קוקן אָן ווי עפעס א קלייניגקייט, אט דארט אין שמים רופט מען צוזאם די גאנצע פמליא של מעלה און מען רופט אויס גיבט א קוק ווי כאטש ס'איז שווער, כאטש כלל ישראל איז שוין אזוי פיל יאר אין דעם פארצוויגטן גלות, כאטש די אלע נסיונות אדירות איז פארהאן א הייליג פאלק וואס פראבירט דאס בעסטע, א פאלק וואס טוט און טוט אָן א שיעור, קינדער וואס זענען זיך מתגבר איינמאל און נאכאמאל.

חז"ל הקדושים אין מסכת מגילה (טז ע"א) פארציילן אונז: ויקח המן את הלבוש ואת הסוס, ווען דער רשע המן האט באקומען די באפעל פון אחשורוש ארום צו פירן מרדכי אויפן פערד מיט כבוד מלכים, איז ער געגאנגען אויפזוכן מרדכי, נו וואו געפינט מען דעם צדיק? פארשטייט זיך אז מען דארף גיין אין בית המדרש, קומט המן אָן צום ביהמ"ד נישט מער און נישט ווייניגער דער עולם זיצט מיט א רואיגקייט און מרדכי הצדיק געבט איבער א שיעור פאר די תלמידים, שיינערהייט וואַרט המן צו ביז מען ענדיגט צו דעם שיעור, און ווען ס'איז פערטיג פרעגט ער איינע פון די תלמידים וואס האט מען היינט געלערנט? אַה! היינט האבן מיר געלערנט א געשמאקע סוגיא "הלכות קמיצה" (די הלכות פון דעם האנטפול מעהל וואס מען האט געדארפט לייגן אויף די מזבח ביים ברענגן א קרבן מנחה) דער תלמיד גיבט צו פארשטיין, דער הייליגער בית המקדש וועט דאך בעזהשי"ת בקרוב געבויעט ווערן, וועלן דאך אידישע קינדער ברענגן קרבנות און צווישן זיי וועט זיין דער קרבן מנחה וואס דארף האבן קמיצה, דערפאר האבן מיר היינט אדורך געלערנט אלע פרטים און דינים פון קמיצה... המן הערנדיג די ווערטער שרייט ער **"אתא מלי קומצי קמחא דידכו ודחי עשרה אלפי ככרי כספא דידי"** – ענקער קומץ (די האנט מיט מעהל) קומט און שטופט אוועק די צען טויזנט ככר זילבער וואס איך האב געגעבן פאר אחשורוש אין אויסטויש צו קענען ברענגן די אלע גזירות אקעגן ענק אידן... די מפרשים שטעלן זיך און פראבירן צו פארשטיין, וואס איז געשעהן מיט דעם גרויסן שטאלצן המן, וואס אינטערעסירט אים וואס זיי לערנען? וואס שרעקט ער זיך אזוי פון הלכות קמיצה אז ער דריקט זיך אויס דעם לשון אז עס שטיפט אוועק די גאנצע כוח זיינע, ס'הערט זיך עפעס ווי ער פארלירט דעם קאמף, וואס ליגט עפעס אין הלכות קמיצה וואס ער כאפט אזא שרעק און התפעלות?

נאר ווי מיר שמועסן איז געוואלדיג, המן ווייסט גאנץ גוט אז אויב וועט כלל ישראל דערהערן די חשיבות פון א קליין ביסל, אויב וועט כלל ישראל דערהערן די טייערקייט פון איעדע קלענסטע פעולה פון א איד, איז ער פערטיג, זיין גאנצע כוח איז אויפגעבלאזענע פראפעגאנדע, ס'באשטייט פון מיליאנען און פון קראנקע כבוד און פאראד, אבער ווען ער איז געקומען אין בית המדרש און געהערט אז מרדכי הצדיק לערנט מיט די תלמידים דער ענין פון א קומץ וואס דערפון דערהערט מען די חשיבות פון **די קלענסטע עבודה**, א קומץ איז דאך די זעלבע לשון פון 'קמצן' קאַרגשאפט, ווייל ס'איז ממש א קליין ביסל, אבער דאך גייט עס אויפן מזבח, וואס דערמיט דערהערן מיר אז וואס ביי אונז זעט צומאל אויס ווי א טראפעלע איז חשוב און טייער ביים מלך העולם, דאס וואס קען אויסקוקן ווי אביסל מעהל צווישן די פינגערס איז גאר א גאנצע קרבן ביי בורא עולם, אט דאס דערשרעקט אים ביז גאר, ווייל די פאלשע שקר וואס ער און די גאנצע עמלק פארטיי פראבירט צו פארקויפן איז גרויס און מעכטיג, און דא דערהערן די אידישע קינדער דעם יסוד פון א איד, דער יסוד פון שמחה אז איעדע קלענסטע ברעקל און פעולה אויב ווערט עס געטוען מיט אביסל הארץ און מחשבה איז עס א קרבן לה' ס'איז די גרעסטע אויף די וועלט.

ווי חז"ל לערנען אונז אין די משנה אין סוף מסכת מנחות **נֶאֱמַר בְּעוֹלַת הַבְּהֵמָה אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ, וּבַמִּנְחָה אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ, לְלַמֵּד, שֶׁאֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמָיִם**, ביי די גרעסטע קרבן בהמה, און ביי די קלענסטע קרבן מנחה שטייט די זעלבע **"אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ"** ווייל זיי ביידע מאכן דעם זעלבן נחת רוח פאר השי"ת, ווייל אין הימל רעכנט מען בעיקר די כוונה און דאס הארץ וואס דער מענטש גיבט, נישט די גרוסיקייט פונעם קרבן.

דער אמת איז אז דער יסוד וואס מיר שמועסן איז בעצם מרומז אין דעם ווארט 'פורים', ווי דער צדיק הרה"ק רבי גרשון העניך פון ראדזין זי"ע טייטשט 'פּוּר' איז א לשון פון **'פְּרוּרִים'** וואס באדייט קליינע ברעקלעך, ווייל השי"ת נעמט צוזאם אפילו די גאר קליינע און דינע ברעקלעך פון מצוות און מעשים טובים וואס אידישע קינדער זענען מקיים, און איז זיי מחשיב. און דער ענין איז אויך מרומז אין די ווערטער פון אסתר המלכה **"לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים"** אז מ'דארף צוזאמנעמען די אלע קליינע מצוות און גוטע פעולות פון כלל ישראל, און ס'וועט

זיך צונויפקלויבן און ארויסשטעלן אלס א גרויסע חשבון, און אין דעם זכות וועט בטל ווערן די קליפה פון עמלק און המן.

דערמיט איז געוואלדיג פארוואס אסתר האט צוזאמגערופן אלע אידישע קינדער אויך די קליינע קינדער, ווייל אין א רוחניות'דיגע וועלט פון אסתר המלכה דארט איז יעדע תפילה גאר אויסטערליש גרויס, איעדע איד פון די עלטסטע ביז די יונגסטע איז גאר חשוב און טייער, אין יענעם וועלט איז יעדער גערעכנט גרויס און א ריינע 'מצויין' און דערפאר דארף מען איעדע אידיש קינד בלי שום יוצא מן הכלל, ווייל אין דער אייבישטער'ס וועלט פון 'קומץ' דארט איז אלעס גרויס - די קלענסטע ווערט די גרעסטע, און נאר אזוי איז מען מנצח דעם המן און דער קליפת עמלק.

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזערע פרשיות פון מעשי המשכן, וואס בדרך כלל פאלט פורים אויס אין איר מיינט דאך דאס פאר אונז אז אט אין די פרשיות ליגט דער שליסל צו פורים און צו שמחה, און ווי מיר האבן געשמועסט באמערקט זיך עס ממש קלאר אין די פסוקים, **וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ** - פון איעדע מענטש דווקא! ווייל יעדער איינער איז חשוב און טייער. **וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם** ווי חז"ל זאגן "בתוך כל אחד ואחד" אז השי"ת קומט רוען אין איעדע איינער פון אונז, ביי אונז אין הארץ, ביי אונז אין מחשבה, ביי אונז אין די רמ"ח אברים ושס"ה גידים.

די תוה"ק איז ממשיך און רעכנט אונז אויס פונקטליך וואס און ווי אזוי דער משכן זאל געבויעט ווערן, און די תוה"ק זאגט אונז אין די הייליגע ווערטער אז ניין, בורא עולם וויל נישט א בנין וואס ווערט געבויעט דורך איין אדער עטליכע 'גרויסע' נדבנים, אדער א בנין וואס ווערט געבויעט דורך דער וועמען ס'קומט אים אָן גרינגערהייט, "די הייליגע משכן ה' ווערט געבויעט דווקא דורך די אלע נדבות פון כלל ישראל, דווקא דורך די אלע פרוטות און מתנות וואס אידישע קינדער ברענגן מיטן גאנצן הארץ און שלימות". די הייליגע קרבנות קומען נישט פון עפעס א גרויסע מגבית אדער קופת צדקה, נאר ס'קומט פון די הייליגע מחצית השקל וואס אלע אידישע קינדער האבן זיך צוזאמען משתתף געווען, איעדער איינער מיט זיין 'האלבע', איר הערט? ניטאמאל א גאנצע, נאר א האלבע! ס'איז דער נדבת הלב וואס בורא עולם בעט און וויל פון אונז זעהן, ס'איז די געטרייע הארץ פון א איד וואס בויעט אויף דער משכן, גארנישט צו טוהן מיט די חיצונית'דיגע 'סַייז' פון די פעולה אדער נדבה וואס מיר טוען.

און אין די המשך הפסוקים איז עס קלאר מרומז, הקב"ה זאגט ברענגט מיר גאלד, זילבער, קופער, און דערנאך כל מיני סארטן וואָל, און דערנאך צוריק צו טייערע שטיינער, ווי פריער געפרעגט וואס איז פשט אז מיר גייען אהין און צוריק, טייערע זאכן און דענאך ביליגער און דערנאך צוריק צו טייערע?, אבער דער תירוץ איז גאנץ פשוט, ווייל אט דאס קומט בורא עולם אונז לאזן הערן, אז דער איד וואס גייט ברענגן וואל און דער איד וואס גייט ברענגן דיימאנטן זענען אויף די זעלבע פלאץ, ווי לאנג ס'איז מיט די זעלבע נדבת הלב און גוטע כוונה לשם שמים.

און אט דאס איז מרומז אין די הייליגע ווערטער פון רש"י הקדוש אנפאנג פרשת תרומה ויקחו לי – לי לשמי, הקב"ה זאגט אונז ס'קען זיך אמאל דאכטן פאר א איד אז וואס געב איך שוין עפעס א קליינקייט, עפעס אפאר פרוטות 'מ'קען מיינען'... אבער מיין טייער קינד ניין, געדענק אז די גיבסט דיינע פרוטות פאר מיר, פאר מיינעט וועגן, **"לשמי"**, און ווען א איד געבט פאר בורא עולם איז עס חשוב טייער און גרויס, זיי חלילה נישט מזלזל דערין, לאז חס ושלום נישט דער עמלק דיר אפקילן און אריינברענגן דעם געפיל אז ס'איז גארנישט אזוי געוואלדיג, ווייל וויסן זאלסטו אז ס'איז אויסטערליש חשוב און טייער, געדענק אז דו גיבסט עס לשמי! און אין מיין וועלט האט יעדע קליינקייט א חשיבות.

דערמיט איז לעכטיג די המשך פון פרשת תצוה וואו די תורה הקדושה איז ווייטער ממשיך מיט די עבודות און ענינים פונעם משכן, און זאגט אונז **וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר** - אידישע קינדער זאלן נעמען און ברענגן לויטערע אײלבירט אויל, נישט סתם לויטער, נאר וואס איז צושטויסן געווארן אין א שטעסל, און אזוי ווייטער, נו, ס'קען זיך דאכטן אז ס'גייט דא קומען עפעס א ציווי איבער א ריזיגע 'עבודה' וואס פארלאנגט אזעלכע חשוב'ע הכנות, אבער דערווייל, רעדט מען דא נישט מער פון **לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד** – מען גייט סך הכל אנצינדן די מנורה, מ'נעמט א קליין שוועבעלע און מען לייגט עס נאנט צום קנויט און ס'ברענט... דאס איז עס. און נאך מער, מיר געפונען אז ביי השי"ת איז דאס נאך אסאך חשוב'ער ווי פילע גרויסע קרבנות, ווי חז"ל זאגן אז דער אייבישטער האט געזאגט צו אהרן הכהן **"חייך, שלך גדולה משלהם, שאתה מדליק ומטיב את הנרות"** אז אט די קליינע הדלקת הנרות איז ביי מיר מער ווערד ווי אלע קרבנות פון די נשיאים. ווייל דאס איז טאקע דער יסוד וואס מיר לערנען דא איינמאל און נאכאמאל ווי הקב"ה אונזער באליבטע טאטע זאגט אונז, **קינדערלעך איעדע קלענסטע פעולה פון א איד איז גאר גרויס און טייער, איעדע איד כאטש ער זעט אויס פשוט האט ער כוחות איבער צו דרייען די וועלט און אויפטוען דאס גרעסטע, ציינד נאר אן דעם פייער, ס'איז גאר א גרינגע פעולה אבער ס'איז גאר שטארק עושה רושם!**

ווען דער הייליגע יו"ט קומט לאמיר דערהערן פאר זיך און פאר אונזערע קינדער דעם געוואלדיגן יסוד איעדע איד איז טייער גרויס און חשוב, און יעדע קלענסטע פעולה פארנעמט אין די עולם הרוחני וועלטן, ווען מיר וואלטן געוואוסט וואס א מצוה טוט אויף, ווען מיר וואלטן געוואוסט וואס א גוט ווארט טוט, ווען מיר וואלטן געוואוסט וואס איין התגברות היצר, אביסל מער שמירת עינים און שמירת המחשבה וכדומה טוט אויף, וואלטן מיר געטאנצן פאר פרייד ווי גרויס אונז זעמיר, מיר וואלטן געזינגען אין די גאסן אשרינו מה טוב חלקינו, דער אידעלע וואלט ארום געגאנגען מיט אַן אויפגעהויבענע קאָפּ און געדאנקט און געלויבט כסדר. ס'איז בלויז דער יצר דער עמלק וואס ברענגט אין אונז כסדר אריין דעם געפיל אז ס'איז גארנישט, און קיינמאל נישט גענוג, (יא אמת ס'איז פארהאן א מציאות פון האבן גרויסע שאיפות) אבער לעבן מיט דעם פאקט אז איך בין גארנישט, אלעס וואס איך טו איז נאר קליינקייטן איז נישט דאס אמת און זיכער נישט דעם דרך ה', דער איד לעבט פונקט פארקערט ער פארשטייט אז אידישקייט באשטייט פון טויזענטע קליינקייטן, אז א משכן ווערט געבויעט פון קליינטשיגע נדבות, און איעדע קלענסטע פעולה איז אומבאשרייבלעך!

לסיכום געדענק:

- **לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים** - צו בויען א משכן דארף מען האבן יעדעם איינעם, ווייל איעדע איד איז וויכטיג, הייליג, חשוב און טייער.
- **דער קומץ** - אין די וועלט פון רוחניות איז איעדע זאַך גרויס, ריזיג, מעכטיג, שטארק, געלונגען און אומבאשרייבלעך.
- **'פֵּרוּרִים'** - השי"ת נעמט צוזאם אפילו די גאר קליינע און דינע ברעקלעך פון מצוות און מעשים טובים...

## א פרייליכע פורים און א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com